קול דודי
0722 531 385

אין אידיש
גליון שבועי לנילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו
פרשת לך תשפ"ד / גליון ס'

צו פארשפרייטן דעם גליון
אין נאך בתי מדרשים
און באלייכטן נאך אידישע נשמות

רופט:
אין מאנסי
347.452.3118
אין וויליאמסבורג
347.768.3577
צו פארשפרייטן אין נאך שטעט
רופט 347.452.3118
וזכות הרבים יהא תלוי בכם!

וויכטיגע מעלדונג
מערכת "קול דודי" באנייעט זיך מיט נייע נומבערן אין אמעריקע און אין אירופה
אין אמעריקע
605.313.6695
אין אירופה
033.0551.7811
דא וועט איר קענען ממשיך זיין זיך צו דערקוויקן דאס הארץ, טאג טעגליך, מיט די זיסע לעכטיגע חסיד'ישע שמועסן

## חסיד'יש געדעדט

### א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# א 'חסיד' איז נישט קיין קאפי

## א חסיד נעמט די יסודות פון זיין רבי'ן, און ער ווערט אזוי שטארק איינס דערמיט, ביז עס קומט ארויס פון אים נאטורליך, לויט זיין טבע

ווען א מענטש באטראכט די חסיד'ישע וועלט מיט אן אויבערפלעכליכן בליק, ווערט ער זייער צומישט: וואס איז דאס דער דרך פון חסידות? עס איז דאך פארהאן אזויפיל דרכים דא? ווער זענען דא די אמת'דיגע תלמידי בעש"ט הקדוש זי"ע?

קיין איין חסידות איז נישט די זעלבע ווי די צווייטע חסידות. אין חסידות אליינס זענען פארהאן אזויפיל קאלירן און קרייזן, כרחוק מזרח ממערב, ווי ווייט איז דער חילוק צווישן קאצק ביז סלאנים און פון דינוב ביז ליובאוויטש... פון זידיטשויב קיין קארלין און פון לובלין ביז וויזשניץ... פון קאמארנא ביז צאנז און פון סקווירא ביז קערעסטיר... און די לאנגע ליסטע האט זיך נאך ניטאמאל אנגעהויבן.

ריכטיג טאקע, אז מען קען זיכער טרעפן עפעס א געוויסן 'צד השוה', עפעס וואס אלע זענען די זעלבע, און די יסודות פון חסידות שטארצן ארויס ביי אלע דרכים אייניג. אבער דאך ווערט עס אזוי שטארק מלובש מיט לבושים, און אין יעדן פלאץ גיבט זיך עס ארויס אויף גאנץ אן אנדערן אופן און לבוש. אין איין פלאץ גיבט מען עס ארויס ביים דאווענען, און אינעם צווייטן פלאץ קומט עס ארויס אין תורה, ביים דריטן פלאץ ביי שבת קודש און ביים פערטן פלאץ ארבעט מען בעיקר אויף גוטע מדות, און אזוי ווייטער. נו, פרעגט א מענטש: ווי קען זיין אז דאס אלעס קומט ארויס פון איין מקור, איין צדיק עליון דער הייליגער בעל שם טוב? (די זעלבע שאלה פרעגט זיך אויך כלפי פארשידענע ענינים; ווי למשל, לגבי דער בריסקער 'דרך הלימוד', וועלכע קומט פון איין גאון ר' חיים בריסקער, און פון דארט האט זיך עס צוטיילט אויף פארשידנארטיגע דרכי הלימוד. און דער מענטש וואונדערט זיך: וויאזוי קען דאס זיין, איין דרך הלימוד זאל זיך דערקייקלען צו אזויפיל דרכים? האט דא איינער פארדרייט דעם אמת?).

די קושיא איז דער תירוץ: יא, אט דאס האבן דיר די צדיקים געוואלט אויסלערנען! אז דו זאלסט וויסן, אז א 'חסיד' איז נישט קיין נאכגעמאכטע מעשיות! עס איז נישט קיין יוניפארם און קיין מנהגים! א חסיד איז דער וועלכער נעמט די יסודות פון זיין רבי'ן, ער לעבט דערמיט אויף אן אמת'ן אופן, און ער ווערט אזוי שטארק איינס דערמיט, ביז עס קומט ארויס פון אים נאטורליך - לויט זיין טבע און שכל, לויט זיין דרך און מהלך פון ארויסגעבן דעם אור.

## פונקט ווי די שטערן

מיר לערנען אין דער היינטיגער פרשה, ווי אברהם אבינו איז זייער באזארגט איבער זיין 'המשך', אז זיין הייליגער וועג זאל ווייטער פארזעצן און אנגיין אויף דער וועלט אן קיין הפסק. און דעריבער שטייט ער און בעט זיך ביים אויבערשטן, אז ער זאל אים געבן א קינד וועלכער וועט ווייטער שפינען דעם גאלדענעם פאדעם פון אידישקייט און אמונה. אבער ווי מאדנע איז דאס: אינמיטן זיין הארציגע תפלה, ווען ער שמועסט זיך אויס פארן אייבערשטן ווי אומגליקליך ער איז אן קיין יורש, ברענגט אברהם אבינו ארויס א פונקט פארקערטע זאך, אז באמת האט ער שוין יא איינער וועלכער איז ממשיך זיין וועג אויף דער וועלט און פארשפרייט זיין דרך און תורה פאר אנדערע! און דאס נוצט ער אלס א חלק פון דער תפלה און בקשה, אז ער מוז האבן א קינד, וויבאלד אליעזר איז 'דולה ומשקה'... ווי עס שטייט: "מה תתן לי ובן משק ביתי הוא דמשק אליעזר" - "שדולה ומשקה מתורת רבים לאחרים". לכאורה איז דאס א גרויסער וואונדער, ווייל אויב האסטו שוין יא א 'ממשיך דרך', נו, איז דאך דאס א סיבה צו זיין צופרידן און רואיג, און נישט אזויפיל איינרייסן צו האבן א קינד?! עס קוקט דאך אויס ווי 'תרתי דסתרי'?!

ענטפערט דער הייליגער 'מאור ושמש': "שצריך לדע ולהודיע לבני אדם המחברים את עצמם לצדיקים, שלא ילמדו את עצמם לעשות כתנועותיהם והנהגותיהם כמצות אנשים מלמדה, היינו מפני שהצדיק הוא עושה כך יעשה הוא גם כן כמוהו, כי זה הוא לא טוב מאד, רק שילמד לעשות כפי שכלו באמת לאמתו, לעבד את השי"ת בלב נכון. וזה הוא שאמר אברהם אבינו 'ובן משק ביתי הוא דמשק אליעזר' - 'שדולה ומשקה מתורת רבו לאחרים', פרוש 'שדולה ומשקה' שלומד אותם לעשות מצות אנשים מלמדה, לעשות מה שרבו עושה, וזה לא טוב". די סיבה פארוואס אברהם אבינו האט נישט געוואלט אז אליעזר זאל זיין דער 'ממשיך דרך', איז טאקע צוליב דעם וואס ער איז 'דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים' - ער זאגט איבער ווארט ביי ווארט וואס דער רבי האט געזאגט, און מאכט נאך פונקטליך וואס דער רבי האט געטון! און דאס טויג נישט! נישט בלויז אז עס האט נישט קיין פשט, נאר דאס ברענגט אויך ארויס מיטן שטארקסטן אויסדרוק, אז ער איז נישט קיין עכטער חסיד! ווייל דער אמת'ער חסיד קויפט אפ און נעמט אריין אין זיך דעם פינטעלע אמת פון זיין רבי'ן - נישט די אויסערליכע הנהגות און תנועות פונעם רבי'ן.

וועט א מענטש פרעגן: אויב אזוי, טא, וויאזוי פירט זיך א חסיד אויף בחיצוניות?! דער 'מאור ושמש' איז דאס מסביר מיט א לענגערן הסבר:

"השיב לו השי"ת 'לא יירשך זה כי אם אשר יצא ממעיך' וגו'. ועדיין היה ירא אברהם שגם יוצאי חלציו יעשו מצות אנשים מלמדה בלא לב נבון וחכם, על כן הוציא אותו החוצה ואמר לו 'ספר הכוכבים ויאמר לו כה יהיה זרעך' - פרוש, דגמת הכוכבים שהם בעלי שכל, כדכתיב 'והמשכילים יזהירו וגו'', והכוכבים אינם מקבלים בהירות המאורות זה מזה, רק כל אחד הוא מאיר בפני עצמו, ועל כן המאורות של הכוכבים אינם דומים זה לזה. והבטיחו השי"ת שכן יהיה זרעו שיעבדו את השי"ת כל אחד לפי שכלו, ולא יעשו מצות אנשים מלמדה, רק הכל באמת".

**קיין איין חסידות איז נישט די זעלבע ווי די צווייטע. ווי קען זיין אז דאס אלעס קומט ארויס פון איין מקור, איין צדיק עליון דער הייליגער בעל שם טוב?**

אן עכטער חסיד איז אזא איינער, וועלכער דינט דעם אויבערשטן פונקט ווי א שטערן! ער שיינט מיט זיין אייגענעם אור, דאס הייסט, ער נוצט אליינס זיין שכל אין עבודת ה', און מאכט נישט נאך יענעם. ער נעמט אן פון זיין רבי'ן די נקודה פון אור און אמת, און ער גיבט עס ארויס לויט זיין מהלך און סגנון. ווייל ער ווייסט, אז דער אויבערשטער וויל אים אזויווי ער איז! דער אויבערשטער האט אים באשאפן מיט זיינע כלים און חושים, ווייל ער האט א נחת רוח דוקא פון דעם סארט אויסדרוק.

## יעדער איינער אין זיין מצב

איינע פון די באקאנטע אויסדרוקן - וואס מיר הערן כסדר פונעם רבי'ן שליט"א אין עבודת ה' - איז: "יעדער איינער אין זיין מצב, זאל לעבן מיט מלכות שמים". דאס הייסט, יעדער איינער -

המשך אין עמוד ב

ברכת מזל טוב
לידידנו החשוב העומד תמיד לימיננו
הרה"ח ר' יואל פיליפ שליט"א
לרגל נישואי בתו למז"ט
בזכות הבעש"ט ותלמידיו הק' יזכו לבנות בית נאמן בישראל

חלק מהדפסת הגליון השבוע
נתנדב ע"י ידידנו הרה"ג ר' מאיר שלום שפיטץ שליט"א
לעילוי נשמת אביו הרה"ח ר' חיים אריה ז"ל נלב"ע י"ד חשון תשפ"ג
בן הרה"ג רבי מאיר זצ"ל אב"ד ביסטריץ

הפצת הגליון
בק"ק וויען
נתנדב ע"י

ברכת מזל טוב
לידידנו החשוב העומד תמיד לימיננו
הרה"ח ר' הערשל לויפער שליט"א
לרגל הולדת בתו למז"ט
בזכות מרן הבעש"ט ותלמידיו הק' ירווה ממנה רוב נחת

# א קנאה'לע

## פארוואס וויאזוי געבט מען זיך אן עצה מיט שלעכטע מידות? • צום אלעם ערשט: קלאר מאכן די שוועריקייט און עס אויסרעדן • און בעיקר, נאכאמאל אויסקלארן די יסודות: ווער און וואס בין איך?

**משפיע:** אה, אברהם יצחק, וואס טוט זיך? וויאזוי גייט די נייע זמן?

**אברהם יצחק:** ב"ה, ס'פארט א באן.

**משפיע:** וועלכע באן?... האסט גוטע חברותות, גוטע שיעורים? ב"ה, איך פריי זיך צו הערן.

**אברהם יצחק:** ס'איז נאר דא איין פראבלעם... איך מוטשע זיך מיט א געוויסע זאך, וואס כ'בין געווען איינגערעדט אז קומענדיגן זמן גייט עס אוועקגיין פון זיך אליינס. כ'שפיר זיך אומרואיג, כ'ווייס אליינס נישט פארוואס. אבער ס'שטערט מיר פון אינעווייניג, ס'האלט מיר צוריק פון זיך דערהייבן...

**משפיע:** וואס און ווער שטערט אזא בחור ווי דיר? זאגסט דאך אז דו האסט גוטע חברותות, געלונגענע מגידי שיעורים, דו זיצט און לערנסט בהתמדה רבה ב"ה, און ביסט ארומגענומען מיט אזעלכע דערהויבענע חברים. וואס שטערט דיר?

> **איך פיל אז וואס איך זאל נאר טון, און וויפיל כ'וועל זיך מוטשען, וועל איך קיינמאל נישט אנקומען צו דאס וואס ער קומט צו גרינגערהייט**

**אברהם יצחק:** טראץ אלעס, שטערט מיר עפעס, כ'ווייס נישט...

**משפיע:** כ'מיין אז איך הייב אן כאפן. לאמיר דיר עס פרעגן אפענערהייט: אפשר האסטו א שטיקל שייכות מיט "הקנאה, התאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם"?...

**אברהם יצחק:** איין סעקונדע, הייבסט מיר אן צו דערגרינטעווען... לאמיר טראכטן...

**משפיע:** כ'וועל דיר העלפן טראכטן. אפשר שטייט דיר איינער אין וועג? אדער אפשר שפירסטו אז ס'איז דא איינער וואס נעמט דיר צו דיין 'מעמד', דיין ארט?

### 'הקנאה מוציאה'...

**אברהם יצחק:** עעעמ... כ'מיין האסט אלעס געזאגט ... כ'האב נישט געוואלט רעדן אזוי 'גראב', אבער האסט גוט צוגעטראפן. ווייל למעשה איז דא א בחור וואס ווען ס'קומט צו סיי וואספארא ענין אדער נושא, שפיר איך אז ער שטייט העכער פון מיר. מ'קען ממש זאגן אז ס'ליגט אים די הצלחה אין טאש. איך פיל אז וואס איך זאל נאר טון, און וויפיל כ'וועל זיך מוטשען, וועל איך קיינמאל נישט אנקומען צו דאס וואס ער קומט צו גרינגערהייט. די הצלחות רינען אים ארויס פון אונטערן ארבל אין יעדן היניזכט...

**משפיע:** 'אין יעדן היניזכט'? אלעס? ער איז מער פון דיר אין יעדע זאך? אין פארשטיין דאס לערנען, שמירת הזמנים, התמדה, דאווענען, חסיד'ישע ענינים, ער שטייגט דיר איבער אין אלעס?

**אברהם יצחק:** נישט פונקט. יעצט ווען איך טראכט, בין איך נישט אזוי זיכער אז ער קען בעסער לערנען פון מיר, כ'בין אפילו נישט איבערצייגט אז ביים דאווענען האט ער א גרעסערע התלהבות פון מיר. אבער כלליות'דיג גערעדט, איז ער מער געלונגען ווי מיר. כ'קען אליינס נישט אויסרעכענען ווי זיין הצלחה שטעקט, אבער ס'איז א פאקט!

**משפיע:** הייסט אז לעת עתה, זעען מיר נאכנישט קיין שום זאך מיט וואס ער איז מער מוצלח ווי דיר... אפשר בלאזטו עס נאך אויף, אדער שטייט דיר איין פרט פאר די אויגן און דו בויעסט דערויף פיתום און רעמסס, פונקט ווי ווען ס'גייט איינעם אריין א ברעקעלע זאמד אין אויג, און ס'דאכט זיך אים אז ער זעט פאר זיך א ריזיגע בארג זאמד...

**אברהם יצחק:** אבער וויאזוי קען זיין אז אזא קליינע זאך, זאל מיר אזוי שטערן פון אנגיין אין לעבן?

**משפיע:** דאס איז די כח פונעם יצר הרע! ער נעמט א מינדערוויכטיגע נקודה, און מאכט פון דעם א גאנצער בער...

**אברהם יצחק:** ווייסטו ווייס? כ'וועל רעדן ברחל בתך הקטנה, כ'וועל דיר קלאר אויסזאגן וואס שטערט מיר: יעדעס מאל איך זעה אים צוזאמען מיט זיינע חברים, און ווי יעדער האט אים ליב און שמייכלט צו אים, הייב איך אן קראכן פון קנאה! וואו אימער עס געפינט זיך א גוטער בחור, קלעבט ער זיך אן אין אים. יעדעס ווארט וואס ער זאגט, ווערט גלייך אנגענומען ביי יעדן מיט אזא חן. און איך זיץ אין ווינקל און טראכט צו זיך, וואס נאך קען איך טון צו 'זוכה' זיין צו אזא הצלחה? וואס טוט ער וואס איך טו נישט?

**משפיע:** בקיצור, ס'נוזשעט דיר א קנאה'לע אין הארץ, ס'נעמט דיר אינגאנצן ארום און האלט דיר צוריק דיר פון זיך דערהייבן. לאמיר זען, א קליינע קנאה אויף א פרטיות'דיגע נקודה איז מצליח דיר צו אינגאנצן צושטערן, פארדרייען דיין מח און צוברעכן דיין גיסטע. האסט אליינס געזאגט, אז די איינציגסטע סיבה פארוואס ער איז מער 'מוצלח' פון דיר איז נאר ווייל ער געפעלט אביסל מער ביי מענטשן פון דיר! ס'איז טאקע א געשמאקע זאך, אבער פארדעם דארף מען ווערן אזוי פארלוירן?!

### אויסקלארן די יסודות פון אנהויב

**אברהם יצחק:** למעשה גערעדט, וואס טוט מען? וויאזוי נעמט מען אוועק די קנאה פון הארץ?

**משפיע:** קודם כל, די עצם זאך אז מיר זיצן און רעדן צונויף דיינע שוועריקייטן, דאס אליינס לעזט שוין רוב שוועריקייט. **ערשטנס -** ווייל מ'קען זיך נישט פארמעסטן מיט עפעס וואס מ'איז נישט באוואוסטזיניג דערצו. **צווייטנס** - ווילאנג מ'ווייסט נישט פונקט וואס איז די שוועריקייט, רעדט מען זיך איין אז ס'איז גרעסער ווי ס'איז, ווידעראום ווען מ'ווערט געוואויר אז 'ס'איז נאר

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

אין דעם מצב, אין דעם פלאץ, מיט די באדינגונגען און מיט די כשרונות וואס מען האט אים צוגעשטעלט - זאל ער דארט מגלה זיין דעם אויבערשטנ'ס מלוכה! איינער האט זיין עבודה אין שמירת עינים, דער צווייטער אין דאווענען, דער דריטער אין תורה, דער פערטער זיך אכטונג געבן פון יענעמ'ס געלט, דער פינפטער לייגט א דגוש אויף 'קבלת עול' און דער זעקסטער לייגט א דגוש אויף 'תענוג' אין עבודה, דער זיבעטער איז פארנומען מיט 'תיקון המדות', און אזוי ווייטער און ווייטער. עס איז נישטא קיין שום ענין, אז אלע זאלן אויסזען די זעלבע, נאר פארקערט, דער כבוד שמים איז אסאך גרעסער ווען יעדער איינער דינט אים פון אן אנדערן פלאץ און אן אנדערע זייט, יעדער קומט אן צום אויבערשטן פון זיין וועלט און פון זיינע נסיונות.

אויבערפלעכליכע מענטשן וועלכע זענען פארנומען מיט חיצוניות, וואלטן געוואלט זען א חסידות ווי אלע זענען די זעלבע און אלע מאכן נאך דעם רבי'ן אקוראט... אבער אברהם אבינו האט דאס נישט געזוכט. ער האט זיך געבעטן צו זוכה זיין צו יצחק אבינו, וואס ער האט געדינט דעם אויבערשטן מיט אינגאנצן אן אנדערע סארט קאליר ווי אברהם - מיט 'מדת הגבורה'. און דוקא אין אים - האט ער געזען אן עכטער תלמיד און ממשיך דרך, ווידעראום, די מעלה פון אליעזר - איז געווען ביי אים א חסרון. אליעזר איז געווען א געטרייער קנעכט וועלכער האט נישט קיין שום אייגנארטיגקייט, און ער האט פארשפרייט אברהם אבינו'ס תורה מיטן גרעסטן מאס ביטול, אבער דוקא דאס איז געווען דער פראבלעם! ווייל דאס ווייזט אויף 'חיצוניות' - נישט אויף קיין פנימיות'דיגע נקודה. נישט דאס מיינט עכטע ביטול, עכטע ביטול מיינט, אז מען כאפט אויף די נשמה פונעם רבי'ן - נישט זיין אויסערליכע הנהגה - און מען לעבט דערמיט דוקא אויף זיין וועג און קאליר.

דער סארט ביטול איז נישט אזוי לייכט. וויאזוי זאגן מענטשן? "גיב מיר נאר א סעט פון פונקטליכע אנווייזונגען, וועל איך זיין דיין חסיד...". אזא סארט שפראך הערט זיך געשמאקער און לייכטער, ווי א שפראך פון אריינברענגען די נקודה פונעם רבי'ן - יעדער איינער אין זיינע שוועריקייטן און צובראכנקייטן, און זיינע נסיונות און נטיות, און יעדעס מאל מיט אן אנדערן סארט אויסדרוק. עס איז טאקע נישט לייכט, אבער עס לוינט זיך! ווייל נאר דאס הייסט 'געלעבט'! נאר אזוי האט מען עכט א שייכות און דביקות צום אויבערשטן! און נאר אזוי איז מען מקבל פונעם רבי'ן - אן אמת און א חיות אין עבודת ה'!

דאס', קומט די רעאקציע 'נו, מ'קען זיך אן עצה געבן מיט דעם' און ס'ווערט פיל גרינגער.

**דריטנס -** עס ענטהאלט אן ענין סגולי, אזוויווי דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע שרייבט אין צעטל קטן סעיף יג: "**וְנִמְצָא עַל יְדֵי סִפּוּר הַדְּבָרִים שֶׁמּוֹצִיא מִכֹּחַ אֶל הַפֹּעַל, מְשַׁבֵּר אֶת כֹּחַ הַיֵּצֶר הָרַע שֶׁלֹּא יוּכַל לְהִתְגַּבֵּר עָלָיו כָּל כַּךְ בְּפַעַם אַחֶרֶת... וְהוּא סְגֻלָּה נִפְלָאָה**". יעצט ווען די קנאה איז שוין עטוואס פארגרינגערט געווארן נאכן עס דורכרעדן, וועט דיר זיין לייכטער זיך צו פארמעסטן דערמיט בעז"ה.

**אברהם יצחק:** פיין, אבער וואס טוט מען למעשה?

**משפיע:** דו מוזט נאכאמאל אויסקלארן פאר זיך די יסודות. לדעתי דארפן מיר נאכאמאל איבער'חזר'ן די מטרה און וואס מיר ווילן מיטן קומען אין ישיבה און זיצן מיט חברים. דו טוסט גוטע זאכן, ביסט פיל מיט מצוות און מעשים טובים, אבער דו פארגעסט פארוואס דו טוסט עס... דו קומסט אין ישיבה, דו לערנסט און פלאמסט ביים דאווענען, ביטס עוסק אין חסידות מיט א פייער, אבער דו פארגעסט פאר וועמען דו טוסט דאס אלעס, און די תכלית וואס דו ווילסט דערמיט!

דו מוזט זיך גוט קלאר מאכן דיין מטרה מיט דעם! ווייל ווען די עיקר מטרה ווערט פארגעסן, הייבט אן ארויסצושפראצן פארשידענע אייגענע חשבונות וואס פארפלאנטערן דיין עבודת ה', געבנדיג דעם איינדרוק כאילו עבודת ה' איז נאר כדי דיר צו מאכן מער א 'געלונגענער מענטש', און דיר מאכן א גוטע רושם ביי אנדערע. און דערפאר, ווי נאר דו זעסט איינער וואס איז מער מוצלח ווי דיר, נעמט זיך עסן ביי דיר א קנאה. ווייל ווי געזאגט (אינעם פריערדיגן גליון), די 'מידות' פון דיין הארץ זענען וועגן וויאזוי א מענטש דריקט אויס זיין אינערליכע ווילן, און אויב דיין ווילן איז אויפצובויען דיין כבוד און ישות, וועט דיין אטאמאטישע רעאקציע זיין א געפיל פון קנאה, אפילו אויב דו וועסט גארנישט פארדינען דערפון, און אפילו ווען דו פארשטייסט אז דיין חבר האט דיר אין אמת'ן גארנישט צוגענומען מיט זיין מעלה. ס'העלפט גארנישט, קנאה בלייבט קנאה.

און דאס אלעס קומט צוליב דעם, ווייל דו האסט פארגעסן דיין מטרה וואס דו ווילסט ערררייכן מיט עבודת ה'. וועגן דעם איז אזוי קריטיש נאכאנאנד איבערצו'חזר'ן דימטרה, דאס וואס איך זיץ פון צופרי ביז ביינאכט בין כותלי בית המדרש כדי צו קונה זיין חלקי התורה, איז מיטן ציל צו בויען מיין קשר מיטן אויבערשטן, און אלעס איז נאר לכבוד שמו יתברך. אדרבא, די עיקר מטרה איז צו מבטל זיין מיין אייגענע ישות, די תכלית פון תורה און עבודה איז צו זיין נכנע און בטל צו השי"ת, דעם רצון ה' דארף נאכאנאנד שטיין פאר די אויגן - ביז מ'פארגעסט אינגאנצן פון טראכטן פון 'זיך', כ'וויל נאר זיין א חלק פון כבוד שמים אין די וועלט.

# א ראקעט אנטקעגן א ראקעט

**אברהם יצחק:** ס'קוקט דיר אויס אז א בחור פון מיין יארגאנג איז מסוגל צו טראכטן אזעלכע זאכן? ריכטיג אז יעצט בשעת'ן עס הערן דא אין צימער, הערט זיך עס קלאר און פארשטענדליך, אבער מארגן ווען כ'וועל זיך ווידער טרעפן ביי די שווערע מינוט, ווען כ'וועל זיך ווייטער טרעפן מיטן בילד ווי אלע 'פעסטע בחורים' רינגלען ארום יענער בחור... וואס וועל איך דעמאלטס טון?

**משפיע:** איינמאל און נאכאמאל איבערגיין די נקודה. א מחשבה פאר א מחשבה. יעדעס מאל דער יצר הרע שיסט דיר א 'ראקעט' כדי צו פארבלענדן דיין אמת'ן ציל, שיס אים צוריק דיין 'מיסל שיץ סיסטעם'... מחשבות פון אמת און תכלית, און די מחשבות זענען אנטקעגן די מחשבות פון קנאה. **זאג צו זיך ווי פאלגנד:** וואס וויל איך? פארוואס בין איך אים מקנא? איז דאס מיין תפקיד אויף די וועלט? הייסט דען דאס הצלחה? כ'בין דאך נאר באשאפן געווארן 'לשמש את קוני', מיין גאנצע ציל אויף די וועלט אז נאר צו געדענקען אז ה' אחד ושמו אחד און זוכה זיין אים צו מאכן א נחת רוח, מרבה זיין כבוד שמים אין די וועלט, אונטערטעניגן מיינע אלע איברים וגידים, מיינע רצונות, מיין שטרעבונג, מיינע מחשבות און גלוסטענישן - אלעס למען כבוד שמו יתברך. אויב אזוי, וואס זוך איך דארט?

**אברהם יצחק:** ס'זעט מיר אויס ווי צו א לאנגע עצה... ס'איז היבש א ברייטע נוסח אפצוטראכטן יעדעס מאל...

**משפיע:** כ'האב נישט געמיינט אז דו זאלסט איבערטראכטן די גענויע ווערטער. כ'האב דיר נאר געגעבן 'חומר למחשבה', עפעס ארום וואס צו טראכטן. דער עיקר איז צו טראכטן מיט דיינע אייגענע ווערטער, און אליינס אויסקלארן דיין מטרה.

**אברהם יצחק:** יעצט פארשטיי איך בעסער וואס מיר האבן געשמועסט, אז מידות זענען אויפן לשון 'כלים', ווייל זיי דריקן אויס דעם 'נפש', דעם 'רצון', און ווי נאר מ'שטעלט דעם נפש אויפן געהעריגן פלאץ, גלייכן זיך די מידות אויס פון זיך אליינס. קומט אויס אז יעדן טאג אויפן וועג צום ישיבה, דארף איך כסדר איבער'חזר'ן צו זיך אז מיין תכלית אויף די וועלט איז צו מאכן א נחת רוח פארן אויבערשטן, און דערנאך, אויב דורכאויס דעם טאג קומט מיר אריין א קנאה'לע אין הארץ, וועל איך ארויסנעמען די מחשבות פון מיין בוזעם-טאש, און קעמפן מיט דעם דערקעגן.

**משפיע:** האסט עס גוט מקבל געווען! א גוטע נאכט און א פריילעכן שבת.

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

## "איזהו חכם המכיר את מקומו" וואו מען זעצט אים - ווייסט ער אז דארט איז זיין פלאץ, דאס איז א חכם

הרה"ק ה'תורת מרדכי' מזויזשניץ זי"ע
(מפי רבינו שליט"א ששמע משמו)



# א גוטע חסיד'ישע ווערטל

רבי משה'לע האט נישט קיין מנוחה, ער ווייסט נישט וואו זיך אהינצוטון. כמעט וואס ער קען זיך נישט בארואיגן פון גרויס מרירות.

וואס איז געשען? א קרענק האלט אינמיטן אנזייען א חורבן אין זיין שוואכע קערפער ל"ע, און נאכן אים גוט אונטערזוכן האבן אים די דאקטוירים געגעבן איין אויסזיכט פאר א רפואה: פארן קיין לעמבערג וואו א בארימטער ספעציאליסט זאל אים באהאנדלען.

אבער נישט זיין ענגער גופניות'דיגער מצב פאראורזאכט רבי משה'לעס צושטערטע שטימונג. ממש נישט. פאר רבי משה'לע גייט קנאף אן וויאזוי זיין קערפער שפירט זיך... א צווייטער שאפט אים גרויס פארדרוס.

א קדוש מרחם איז ער געווען, הרה"ק רבי משה'לע רוקח זצוק"ל הי"ד, דער זון פונעם הייליגן בעלזער רב זי"ע (וועלכער איז אומגעקומען על קידוש ה' בשעת'ן קריג אינאיינעם מיט זיין גאנצע משפחה). זיין גאנצע וועזן האט געשריגן הימלישקייט, זייענדיג גענצליך אפגעשיידט פון עניני עולם הזה. אפילו די בלאטעדיגע געסלעך פון בעלזא האבן זעלטן געהאט די זכיה, אז רבי משה'לע זאל שטעלן זיינע טריט אויף זיי. רבי משה'לע איז געזעצן טאג און נאכט אין בית המדרש, און זיך געהויבן און דערהויבן מיט די 'יושבים' צוזאמען.

דערפאר, ווען רבי משה'לע האט געהערט דעם 'גזירה' אז ער וועט מוזן פארן אויף א באן, און נאך צום גרויסן שטאט לעמבערג - האט זיין אנגסט נישט געוואוסט קיין גרעניץ.

אויף אזוי ווייט, אז זיין הייליגער פאטער, הרה"ק רבי אהרן פון בעלזא רופט אים אריין און זאגט אים, אז ער מוז אויסלייכטן זיין מרירות און הייבן זיין גיסטע. "גיי אריין אין קאווע שטיבל", זאגט אים דער רב, "זעץ זיך מיט די 'יושבים', און דערקוויק זיך מיט די געהויבענע ווערטער וואס מ'הערט דארט".

ווי א געטרייער קינד און חסיד, איילט זיך רבי משה'לע שנעל צו צום קאווע שטיבל.

אבער דער משמש ר' שמואל בצלאל'ס קען עס נישט פארשטיין. "וואס וועט צוגעבן פאר רבי משה'לע צו פארברענגען אינעם קאווע שטיבל", וואונדערט ער זיך הויעך צום רב, "וואס וועט ער דארט הערן, דוד געציל'ס ווערטלעך...?". ר' דוד געציל'ס איז געווען איינער פון די יושבים, וואס האט אלץ געגליכן צו לאזן הערן א גוטע חסיד'ישע ווערטל וואס ברענגט ארויף א שמייכל אויף די צוהערער. אבער צווישן רבי משה'לע מיט ווערטלעך שטייט אן אומגעהויערער מרחק, זאל עס אפילו זיין 'חסיד'ישע ווערטלעך'.

ענטפערט דער הייליגער רב פאר זיין גבאי'ן: "הער נאר א מעשה. כ'האב עס געהערט פון מיין טאטן (רבי ישכר דוב זי"ע), וואס האט עס געהערט פון זיין טאטן (רבי יהושע'לע זי"ע), וואס האט עס געהערט פון זיין טאטן (שר שלום זי"ע), וועלכער האט עס אליינס מיטגעהאלטן".

איינמאל האט דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע געפירט א שמועס איבער דעם הייליגן ספר 'ערוגות הבושם' אויף שיר השירים, וואס איז נתחבר געווארן דורך הרה"ק רבי משה אויסטערער זי"ע, פון די חכמי הקלויז פון בראד. אינדערמיט האט זיך דער חוזה אנגערופן אויפן ספר מיט א ווערטל, אז 'ס'איז עיקר חסר מן הספר'. ווייל כאטש די פירוש גייט ארויף אויף כמעט גאנץ שיר השירים, אבער אויף די ווערטער 'ערוגות הבושם' האט דער מחבר גארנישט מפרש געווען...

ווען דער שר שלום זי"ע פלעגט דאס דערציילט, האט ער צוגעלייגט: "ס'איז נישט קיין שאלה אז דער מחבר האט געשריבן זיין פירוש אויך אויף די ווערטער, אבער פון הימל האט מען צוגעפירט אז די מדפיסים זאלן אויסלאזן די שטיקל (אזויווי ס'האט זיך טאקע אזוי שפעטער אויסגעשטעלט, נאכדעם וואס ס'איז ערשינען די כתב יד), כדי דער רבי ר' איציק'ל זאל זאגן א 'גלייכווערטל' און אזוי דערפרייען גאנץ פמליא של מעלה. קוק ווי חשוב א 'מילתא דבדיחותא' פונעם רבי'ן ר' איציק'ל איז אין הימל!

ענדיגט דער רב פאר זיין משמש:

"זעסטו דאך, א גוטע חסיד'ישע ווערטל איז נישט קיין חסרון, נאר א מעלה!".

מקור: יחיד בדורו


צו באקומען דעם גליון אין אימעיל שיקט אריין DD0722531385@gmail.com

# וועלכע חסיד'יש ספר? (ב)

## וויאזוי קען איך וויסן וועלכער חסיד'יש ספר איז געאייגנט פאר מיין נשמה?

## שאלה:

איך האב שוין פרובירט צו לערנען מערערע חסיד'ישע ספרים, אבער ס'איז מיר נאכנישט געלונגען זיך צו טרעפן 'מיין' ספר. מיין שאלה איז; וויאזוי קען איך וויסן וועלכער ספר איז געאייגנט פאר מיין נשמה?

## תשובה:

**פאריגע וואך האבן מיר ארומגערעדט די ערשטע צוויי סעיפים פון די תשובה אויף די שאלה:**

וואס מיר ווילן באקומען און דערגרייכן דורכן לערנען חסיד'ישע ספרים, וואס דאס איז פשוט צו ריכטיג פארשטיין די יסודות וואס די צדיקים לערנען אונז, דער 'שולחן ערוך' אויף די אלע מצוות שבלב סיי מצוות עשה ווי אהבת ה' יראת ה' און נאך, און אויך די מצוות לא תעשה ווי לא תתרו, גאווה, א.א.ו. וואס אין די הייליגע ספרים ווערן די אלע זאכן גרונטליך מבואר, ווי אויך די וועגן אין עצות צו עס ריכטיג אויספירן בעז"ה.

די וויכטיקייט פון צוגיין צו דעם מיט אסאך געדולד און קביעות, ווייל די אמת'ע השפעה און דער ריכטיגער טויש פאסירט נישט איבער נאכט. און קען אויך נישט געשען מיטן כאפן א בליק דא דארט אדער פאר א יו"ט נאר עס פאדערט זיך א קביעות'דיגער לימוד.

## דרך הלימוד

לאמיר יעצט רעדן אויף למעשה. ווען א מענטש זעצט זיך לערנען א חסיד'יש ספר, דארף ער שטעלן דריי שאלות פאר זיינע אויגן:

**א.** וואס שטייט דא? וואס וויל מיר דער צדיק דער הייליגער מחבר לאזן הערן? **ב.** וואס האט זיך געטוישט אין מיין 'בליק' נאכן דורכלערנען דעם שטיקל? וואספארא יסוד איז מיר דא נתחדש געווארן? **ג.** וויאזוי קען איך באלעבן דעם יסוד? וויאזוי קען איך עס אויספירן אויף הלכה למעשה? וואו איז עס מיר נוגע אין לעבן?

אייגנטליך גייען אָן די דריי יסודות'דיגע שטאפלען ביי יעדן געלעגנהייט, ווען מ'וויל לערנען סיי וואספארא לימוד (דרך אגב: איינער וואס לערנט גוט נגלה, וועט אויך גוט לערנען תורת החסידות). דאס רעכנט אריין: גוט ארויסהאבן די מימרא און די הלכה וואס מ'לערנט, כאפן וואו די חידוש ליגט, און פארשטיין וויאזוי איז עס מיר נוגע הלכה למעשה אינעם טאג-טעגליכן לעבן. אבער ביים לערנען חסיד'ישע ספרים איז עס פילפאכיג וויכטיגער.

אבער כדי צו האבן א גוטע ענטפער אויף די דריי פראגעס, קענסטו זיך נישט באגנוגענען בלויז מיט די 'תורה שבכתב' פון תורת החסידות, נאר דו דארפסט אויך נאשן פונעם חלק פון 'תורה שבעל פה' פון חסידות. פונקט ווי יעדער פארשטייט, אז א בעל תשובה וואס האט נארוואס אנגעהויבן לערנען גמרא, האט נישט קיין שום שאנס ריכטיג ארויסצוהאבן די סוגיות וואס ער באגעגנט דארט. ער נויטיגט זיך אין א חברותא, אין אן ארטסקראל גמרא, ער דארף א מגיד שיעור, בקיצור: ער דארף אסאך הילף.

דאס איז בעצם דער **ערשטער** געברויך, זיך אראפזעצן מיט א משפיע, און זיך צוזאמזעצן מיט חברים. לערנען חסיד'ישע ספרים אָן זיך צונויפרעדן מיט חברים און לערנען פון א משפיע, וועט נישט ארבעטן. סיי ווייל 'דיבוק חברים' איז דאך פשוט איינס פון די קנינים וויאזוי די תורה ווערט איינגעזאפט אינעם מענטש, אזוי אויך ווייל מ'קען נישט פארשטיין תורה שבכתב אָן עס לערנען צוזאמען מיט תורה שבעל פה. וועגן דעם איז זייער ראטזאם, אז סיי ווען דו טרעפסט זיך מיט א נייע אומפארשטענדליכע באגריף אין חסידות, זאלסטו עס פארצייכענען אויף א צעטל און עס דערנאך אויסשמועסן מיט א משפיע, אדער מעיין זיין אין ספרים וואס זענען מבאר דעם אומפארשטענדליכן ענין, אין א בחינה פון 'תורה שבעל פה'.

(ס'איז היבש נארמאל נישט צו פארשטיין די עומק הדברים פון עפעס וואס ווערט געברענגט אין ספרי חסידות, ווייל די זעלבע גייט אָן אין תורה שבכתב, איינער וואס וועט נאר לערנען וואס שטייט, וועט נישט האבן קיין אהנונג אז 'טוטפות' מיינט געקעסטלטע תפילין אא"וו, אבער וויבאלד מיר האבן אויך מקבל געווען תורה שבעל פה פון הר סיני, ווייסן מיר וואס 'טוטפות' באדייט. אויפן זעלבן פארנעם דארף מען מקבל זיין די משמעות הענינים פון חסידות פון אן ערפארענער משפיע).

ער האט נאך קיינמאל נישט געעפנט א אידיש ספר, און ער טענה'ט חי וקיים אז ביי אים איז 'לבו חפץ' צו דווקא לערנען 'קצות'...

אויסער דעם איז דא א **צווייטע** געברויך וואס איז אפשר נאך וויכטיגער ווי די פריערדיגע: זיך צונויפזעצן מיט א משפיע און חברים. און דאס איז כדי צו באקומען אן ענטפער אויף דיין דריטע פראגע לגבי לערנען חסיד'ישע ספרים: "וויאזוי איז עס מיר נוגע אין לעבן"? די ספרים הקדושים רעדן מערסטנס איבער הייליגע, העכערע מושגים, אבער זענען גלייכצייטיג אויסדריקליך נוגע פאר יעדער איינציגער איד, פונעם העכטן דרגה ביזן נידריגסטן דרגה - נאר מ'דארף וויסן וויאזוי ריכטיג אויסצוטייטשן יעדן ענין באזונדער.

אן ערפארענער משפיע, אדער צומאל אפילו א נאנטער חבר, קען אסאך מאל קומען צו הילף אויפצוקלערן וויאזוי אזעלכע מושגים ווי 'הַמְתָּקַת הַדִּינִים', 'הַעֲלָאַת נִיצוצות', 'דַעַת דִקְדֻשָׁה' זענען דיר נוגע אין לעבן אויף א טעגליכער און אפילו שעה'דיגער פארנעם! און כהנה וכהנה טויזנטער אנדערע מושגים און ענינים.

## למעשה: וועלכער ספר זאל איך לערנען?

נאך אונזער גאנצע אריכות, איז מן הסתם שוין אויך קלאר די תשובה אויף דיין שאלה. לאמיר מסדר זיין:

ס'איז ריכטיג אז חז"ל זאגן (ע"ז יט.): "לעולם ילמד אדם תורה במקום שלבו חפץ", אבער זעלבסטפארשטענדליך אז מ'דארף קודם לערנען כדי צו וויסן וואס מ'וויל לערנען... שטעל זיך פאר ווי ס'קומט א מענטש וואס האט נאך קיינמאל נישט געעפנט א אידיש ספר, און ער טענה'ט חי וקיים אז ביי אים איז 'לבו חפץ' צו דווקא לערנען 'קצות'... מ'דארף קיינעם נישט זאגן אז פאר מ'קומט אָן צו יענעם ספר וואס איז 'לבו חפץ', מוז מען צוערשט אריבערגיין אסאך ספרים, און נישט נאר אריבערגיין, נאר גוט ארויסהאבן.

אייגנטליך מוז מען באטאנען, אז אויך נאכדעם וואס מ'האט א ספר וואס מ'האט ליב, דארף מען אויך לערנען אנדערע ספרים. ס'איז גארנישט אנדערש פון תורת הנגלה: אפילו אויב איינער לערנט א מקצוע וואס איז לבו חפץ, איז קלאר אז ער וועט נאכאלץ לערנען נאך אנדערע לימודים און ספרים. ווייל אויב איז דער ציל מיטן לימוד, בעיקר אנצוקומען צו א הבנה און נישט בלויז זיך צו באהעפטן צו געפילן ליידיג פון הבנה, דעמאלטס קען מען זיך זעצן צו יעדן ספר און עס דורלערנען און פארשטיין.

וועלכער ספר זאל איך אנהייבן? אלץ ווענדט זיך אין איין זאך: דער הבנה. פונקט ווי א זיבן יעריג קינד הייבט אָן 'אלו מציאות', ווייל ס'איז א פרק וואס ער איז מער-וויינינגער אומשטאנד צו פארשטיין, אזוי אויך דארף זיך יעדער טרעפן זיין ספר וואס ער פארשטייט, און זיך דערמיט פאראויס רוקן. וואס מער ער פארשטייט, וועט ער קענען מאכן אלץ מער פארשריט און לערנען נאך א ספר און נאך א ספר. דער ספר וואס האט די ערשטע דין קדימה, איז דער ספר וואס מ'פארשטייט.

**צום שלוס דארף מען אנמערקן**, אז אין צוגאב צו דאס וואס מיר האבן גערעדט - אז מ'דארף בעיקר לייגן געוויכט צו **פארשטיין די יסודות** אינעם ספר, איז אויך דא א חלק פון 'השפעת האור' וואס קומט ארויס פון די ווערטער פון די צדיקים. ווייל די צדיקים האבן אריינגעלייגט אין זייערע דיבורים און ספרים א געוואלדיגע כח אלוקי, וואס שַיינט אונז אויף די אויבנדערמאנטע יסודות אויף א סגולה'דיגער אופן. גיי און פרעג אויס סיי ווער פון די פילצאליגע ליינער פון 'יחידתי' וואס זענען אויך מעיין אין ספרים הק', און זיי וועלן דיר מעיד זיין, אז איין לימוד אינעווייניג אין די ספרים הקדושים לערנענדיג לשון קדשם פון די הייליגע צדיקים, וועגט טויזנט מאל איבער אָן א שיעור ליינעכצער פון פארשידינע מאמרים אין אונזער גליון (און דאס איז אונזער גרעסטע שמחה, ווען די ליינער ווענדן צום מקור זעלבסט, פארשטייענדיג אז 'יחידתי' קען נישט פארנעמען אפילו די מינדעסטע ערזאץ פון די אותיות מחכימות פון ספרים הק', שוין אפגערעדט איבערגעבן די כח אלוקי וואס ליגט באהאלטן אין די ווערטער פון די הייליגע מחברים).

**חילך לאורייתא! מיט גרויס הצלחה און סייעתא דשמיא אין לימוד תורת הבעש"ט הק'!**

דער גליון האט דיר דערלויכטן? יעצט איז די געלעגנהייט צו באלייכטן נאך א יוד
**אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות**
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג
אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, רופט: 347.452.3118
תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483

יהודים צמאים לדבר ה'! דער אינהאלטס רייכער גליון האט געמאכט א מהפכה ביי טויזנטער אידישע נפשות. נאך אסאך אידן ווילן זוכה זיין צום אור! נעמט א חלק און די געוואלדיגע זיכוי הרבים רופט: 347-428-6483 אדער צום אימעיל DD0722531385@gmail.com

בס"ד

לימוד חסידות יומי
ויהי אור

# נעם דעם אור החסידות פון מקור אליין

לערנסט חסיד'ישע גליונות
אבער האסט אלעמאל געוואלט האבן
**דעם טעם אין חסיד'ישע ספרים אליין**
**יעצט איז די געלעגנהייט**



טויזנטער לומדים איבער די גאנצע וועלט
הייבן אן ספה"ק 'מאור עינים'
**אין דעם סדר היומי בחסידות שע"י 'יחידתי'**

*כאפ זיך מיט,*
*און מאך ליכטיג דיין לעבן*

צו באקומען **די חודש'ליכע הערליכע קונטרסים**
**מבוארים מבית 'יחידתי'** ביז אייער טיר **סובסקרייבט זיך**
**848-243-1624**
לאזט איבער אייערע פרטים
פאר מער דעטאלן רופט: 347-452-3118

מתחילין הספר הקדוש
# מאור עינים
י"א חשון תשפ"ד
בסדר היומי בחסידות

**מתחילים השבוע כולם כאחד**
**יום חמישי י"א חשון תשפ"ד**
יומא דהילולא דהרה"ק ה'מאור עינים' זי"ע

| שיעורים | קונטרסים |
| --- | --- |
| פאר ספעציעלע שיעורים רופט טעלעפאן ליין 'קול דודי' אין אמעריקע **646.518.1014** | פאר חודש'ליכע קונטרסים מיט א ביאור שווה לכל נפש **סובסקרייבט זיך 848-243-1624** |

טעגליכער לימוד חסידות, ויהי אור!


ראה זה חדש
הביאור הנפלא
על ספרי חסידות מבית 'יהודי'
יופיע אי"ה
במבנה וסגנון חדש
וחידושים מיוחדים
ביאור משולב בתוך הטקסט
הערות לתוספת ביאור
הרחבות על כל יסוד ומושג
צו באקומען דעם קונטרס חודשי ביז אייער טיר
סאבסקרייבט זיך 848-243-1624
מאור עינים
מתחילים השבוע כולם כאחד
יום חמישי י"א חשון תשפ"ד


מחיל אל חיל
מאור עינים
מתחילים השבוע כולם כאחד
יום חמישי י"א חשון תשפ"ד


שמעו ותחי נפשכם
שיעורים נפלאים
בסדר היומי בחסידות
שיעור יומי
באת ההה"ר שאול יהודה שידלו' שליט"א
חברותא יומי
באת ההה"ר נפתלי עלאנגער שליט"א
ההה"ר דוד אריה ראטנבערג שליט"א
תמצית יומי
באת ההה"ר דוד אריה ראטנבערג שליט"א
שיעור שבועי
ההה"ר יוסף שיינבערגער שליט"א
מאור עינים
מתחילים השבוע כולם כאחד
יום חמישי י"א חשון תשפ"ד


די וועלט איז
שווארץ אדער ווייס?
טונקל אדער ליכטיג?
ווענדט זיך וועלכע ברילן איר טוט אן
קומי אורי
טויזנטער לומדי
הסדר היומי בחסידות
וועלן זען א גטעליכע
ליכטיגע וועלט
בהתחלת הספה"ק
'מאור עינים'
מאור עינים
מתחילים השבוע כולם כאחד
יום חמישי י"א חשון תשפ"ד